## בשורת הגאולה

די איינציקע זאַך אויף וואָס מ'וואַרט איז – אַז אַ איד זאָל געבן נאָך אַ געשריי, מיט נאָך אַ בקשה ותביעה און נאָך אַ דערמאָנונג: „עד מתי"?!..

און דורך דעם טוט ער אויף אַז משיח צדקנו קומט אַריין איצטער אין דעם ביהכנ"ס, און נעמט מיט אַלע אידן דאָ בתוך כלל ישראל אין ארצנו הקדושה, ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לביהמ"ק השלישי.

(משיחות ש"פ דברים, שבת חזון, ת"ב (נדחה), יו"ד אב (לפני ערבית) וי"א אב תנש"א)

**לעילוי נשמת**

הוו"ח וכו' ר' **מנחם מענדל הלוי**

ב"ר **לייב יואל הלוי** ע"ה **קאטש**

נפטר ביום י"ב אייר ה'תשנ"ז

וזוגתו מרת **רחל** בת ר' **מרדכי** ע"ה

למלאות שנה לפטירתה

- בש"ק פ' חוקת, ט' תמוז ה'תשס"א

**ת. נ. צ. ב. ה.**

*

**נדפס ע"י בנם**

הרה"ת ר' **ברוך שמעון הלוי** וזוגתו מרת **פנינה**

**ומשפחתם** שיחיו **קאטש**

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

### שניאורסאהן

מליובאוויטש

## שבת חזון

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

שנת המאה להולדת כ"ק אדמו"ר מה"מ

# שבת חזון

א. עס איז ידועי וואָס ר' הלל פּאַריטשער[2] ברענגט „בשם הרב מבאַרדיטשוב נבג"ם" אַז „שבת חזון" איז פון „לשון מחזה", דהיינו אַז אין דעם שבת באַווייזט מען „לכאו"א[3] המקדש דלעתיד מרחוק".

ס'איז דאָך אין ענין יוצא מידי פשוטו. דער טעם וואָס דער שבת רופט זיך „שבת חזון" איז — ע"ש ההפטורה: היות אַז דאָס איז דער שבת וועלכער איז סמוך ושייך לת"ב, זאָגט מען דעריבער די הפטורה „חזון ישעי'"[4] — די לעצטע פון די ג' דפורענותא[5]. ומובן, אַז וואָס נעענטער דער שבת איז צו ת"ב, אַלץ האַרבער איז דער ענין הפורענותא, ביז אַז בשעת דער שבת איז ערב ת"ב אָדער ת"ב גופא, איז אע"פ אַז שבת טאָר ניט זיין קיין אבילות, זיינען אָבער פאַראַן אין אים (לכמה דיעות) די עניני ת"ב אין דברים שבצנעה[6].

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אויך לאידך גיסא: דאָס וואָס מען ווייזט בשבת חזון דעם מקדש דלעתיד, צוליב זיין סמיכות ושייכות צו ת"ב, איז עס ביתר שאת ויתר עז אין אַ קביעות ווען ת"ב איז חל בשבת (כמו בשנה זו), מער ווי דאָס איז אין אַנדערע קביעות'ן, ווען שבת חזון איז חל ניט בת"ב עצמו.

ב. דאָס וואָס מען באַווייזט שבת חזון דעם מקדש דלעתיד — אע"פ אַז ניט יעדער איינער זעט עס בגלוי (און דער באַרדיטשעווער זאָגט דאָך ניט אַז מ'באַווייזט דאָס בלויז צו צדיקים, און אַוודאי ניט אַז נאָר לצדיקים גדולים, נאָר „מראין לכאו"א המקדש דלעתיד") —

איז דער פירוש דערפון י"ל בפשטות ע"ד ווי די גמרא[7] זאָגט אויף די רייד פון דניאל[8] „וראיתי אני דניאל לבדי את המראה והאנשים אשר היו עמי לא ראו את המראה אבל חרדה גדולה נפלה עליהם ויברחו בהחבא" — „וכי מאחר דלא חזו מ"ט איבעיתו, אע"ג דאינהו לא חזו מזלייהו חזו". ד. ה. ס'איז ניט דער פשט אַז די „אנשים . . עמי" זיינען פאַרציטערט געוואָרן פון דעם וואָס דניאל האָט זיי איבערגעגעבן די „מראה", נאָר די סיבה איז געווען דאָס וואָס „מזלייהו חזו"[9], און חזון המזל באופן אַז דערפון איז „חרדה גדולה נפלה עליהם" ווי זיי זיינען, פירן זיך אויף דאַ למטה[10].

ועד"ז איז מובן בענינו, אַז ראיית המקדש דלעתיד בשבת חזון, איז ניט

1) נעתק באוה"ת לנ"ך ח"ב ע' א'צז — בשוה"ג.

2) נסתלק י"א מנ"א תרכ"ד. ראשי פרקים מתולדותיו נדפסו בתחלת ספרי פלח הרמון בראשית ושמות (קה"ת, ברוקלין תשי"ד. תשי"ז).

3) באַ' הביכלעך [756. קמב, ב]: לכ"א מישראל. — לאח"ז הגיע גוף כת"י דהרר"ה (בוך 1228 — צז, א), ושם: לכאו"א מישראל.

4) טושו"ע או"ח סתכ"ח ס"ח. הגהמ"י לרמב"ם הל' תפלה פי"ג הי"ט.

5) ראה תוד"ה ר"ח מגילה לא, ב. ראבי"ה סי' תקצה.

6) רמ"א או"ח סתקנ"ד סי"ט ובנ"כ שם. נו"כ השו"ע שם סתקנ"ב ס"י.

7) מגילה ג, א. סנהדרין צד, רע"א.

8) דניאל יוד, ז.

9) בפרש"י דניאל שם „מזלו שברקיע". ובפרש"י מגילה שם ד"ה מזלייהו „שר של כל אדם למעלה".

10) וכמבואר בכ"מ בנוגע הבת־קול שלמעלה (ראה לקו"ת תצא לו, ד (ע"פ מאמר הבעש"ט). ד"ה אריב"ל בכ"י ב"ק כו' תש"ב פ"א. ובכ"מ), שה„מזל" דנשמה שומע ונמשך מזה לנשמה שבגוף. וראה גם ס' חרדים ב„חתימת הספר" (סגולה ו').





צדקנו, „מלך מבית דוד הוגה בתורה ועוסק במצות כו'"[6], און אַלס „משיח ודאי" (דורך דעם וואָס „עשה והצליח ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל")[7] — קומט איצטער ממש אַריין אין דעם בית הכנסת, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, ער פירט אַלע אידן בתוך כלל ישראל אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי.

* * *

שטייענדיק באלף הששי עצמו, לאחרי „חצות" האלף, לאחרי שנת ה'ת"ק[8], און לאחרי די פאַרשידענע קיצים וואָס זיינען שוין דורך, בשנת תר"ח[9] ושנת תרס"ו[10], ביז — די הכרזה פון נשיא דורנו „לאלתר לתשובה לאלתר לגאולה" (בשנות תש"א־תש"ג)[11], וואָס בשנים אלו איז אַלץ מערער צוגעקומען אין גילוי פנימיות התורה. ובהמשך השנים איז אין דעם צוגעקומען מערער און מערער, ביז — הפצת המעינות חוצה בכל קצוי תבל, אפילו אין אַ פינה נידחת בעולם, און ניט נאָר וואָס דאָרטן האָבן דערגרייכט די תוצאות פון הפצת המעינות חוצה, נאָר אויך די מעינות פון פנימיות התורה בעצמם.

. . . מ'האָט שוין פאַרענדיקט אַלע ענינים, און דער ביהמ"ק איז עומד ומוכן למעלה, ועד"ז בנוגע צו אַלע ענינים — איז שוין „הכל מוכן לסעודה", מ'האָט אַלע ענינים פאַרטיק ווי אין אַ פאַרמאַכטע תיבה און מ'האָט אָפּגעגעבן די תיבה און איר שליסל צו יעדער איד[12],

6) רמב"ם הל' מלכים פי"א ה"ד.

7) רמב"ם שם.

8) ראה ס' השיחות תש"נ ח"א ע' 254. וש"נ.

9) ראה ס' השיחות תורת שלום ע' 237. אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תפה.

10) ראה שיחת אחש"פ תש"ל (נדפסה בהמשך תרס"ו בהוספות. לקו"ש ח"ז ע' 209).

11) „קול קורא" ב„הקריאה והקדושה" תש"א־תש"ג (אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ה ע' שסא ואילך. שעז ואילך. תח ואילך. ח"ו ע' תל ואילך).

12) ראה לקו"ש חכ"ח ע' 289. וש"נ.

# לג.

ווי גערעדט לאחרונה כו"כ פעמים, אַז לויט אַלע סימני הגאולה איז "הנה זה (משיח) בא"[1] תיכף ומיד ממש (און דאָס וואָס משיח איז נאָך ניט געקומען איז אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק).

* * *

דער ענין איז נאָך שטאַרקער געפינענדיק זיך איצטער אין אַ בית משולש, אַ ביהכנ"ס, ביהמ"ד און בית מעשים טובים וגמילות חסדים, ובמיוחד – פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, משה שבדורנו – וואָס דאָס איז מעין והכנה צו דעם בית המקדש השלישי, וואָס איז אויך אַ בית משולש: ביתי בית תפלה[2], בית תורה (מקום סנהדרין לעבן לשכת הגזית[3]), און בית גמילות חסדים (וואָס ווערט נמשך דורך) הקרבת הקרבנות[4].

. . . ובפרט אַז דערצו איז דאָס אויך דער זמן זכאי – שבת תשעה באב בזמן תפלת מנחה, ווען עס ווערט אַ התגברות חדשה פון (לידת ו)מזל משיח צדקנו, און דערצו נאָך – אין דעם יאָר ה'תנש"א, ר"ת הי' תהי' שנת נפלאות אראנו, ביז די נפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה (אויף וועלכע עס שטייט "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[5]).

איז דערפון אַלעם מובן – אַז די איצטיקע צייט און דער דאָזיקער אָרט איז אַ זמן ומקום הכי מסוגל אויף ביאת משיח צדקנו.

ובפשטות – אַז אַ איד איז מאמין באמונה שלימה, אַז משיח

1) שה"ש ב, ח. ובשהש"ר עה"פ.

2) ישעי' נו, ז.

3) ירושלמי מכות פ"ב ה"ו. מכילתא ס"פ יתרו. פרש"י ר"פ משפטים. מדות פ"ה מ"ד. סנהדרין פו, ב (במשנה). רמב"ם הל' סנהדרין פי"ד הי"ב.

4) ראה בארוכה מכתב בין עשירי בשבט וט"ו בשבט תשמ"ז. סה"ש תשמ"ז – שיחת ש"פ תרומה. ושי"נ.

5) מיכה ז, טו.





(בלויז) אַן ענין וואָס איז שייך צו צדיקים און זיי דערציילן עס, אָדער נאָך מער זיינען עס מגלה צו שאר בנ"י, נאָר (אויך), בלשון חז"ל הנ"ל, לשון תורה הנ"ל, "מראין (דער לה"ק פון חזון) לכאו"א" — מ'באַווייזט דאָס יעדן איינעם, מראים למזלייהו — פון זיין נשמה[11], און דאָס פועל'ט אויף דעם אדם, ביז אויך אויף זיין גוף ונפש הבהמית[12].

ג. וואָס איז דער תוכן ותכלית פון ווייזן דעם מקדש דלעתיד?

איז דער באַרדיטשעווער מבאר[1] מיט אַ משל פון אַ פאָטער וואָס האָט אויפגע־נייט אַ טייערן מלבוש פאַר זיין קינד און דער קינד האָט דעם בגד צעריסן לכמה קרעים. האָט אים דער פאָטער געמאַכט אַ צווייטן לבוש, אָבער דער קינד האָט אויך דעם צווייטן בגד צעריסן[13]. האָט דער פאָטער אויפגענייט פאַרן קינד אַ דריטן לבוש, אָבער ער האָט עס אים ניט געגעבן אָנצוטאָן — נאָר "לפרקים רחוקים ידועים"[14] באַווייזט ער אים דעם לבוש, זאָגנדיק דערביי אַז ווען ער וועט זיך פירן בדרך הישר, וועט ער עס אים געבן אָנצוטאָן. און דורך דעם איז אים דער פאָטער מרגיל צו גיין בדרך הישר, ביז דאָס ווערט ביים קינד "כמו טבע" — און דאַן גיט דער פאָטער דעם לבוש צו זיין קינד, ער זאָל אים אָנטאָן און טראָגן.

ומובן בתורה הנ"ל, אַז דאָס איז אַ משל אויף די צוויי בתי מקדש — וועלכע זיינען חרוב געוואָרן, און אויף דעם בית השלישי — דעם מקדש דלעת"ל.

עס איז ידוע[15] אַז אַלע משלים פון תורה, תורת אמת, זיינען מדויק בכל הפרטים. ובמילא, וויבאַלד אַז דעם משל האָט געזאָגט "הרב מבאַרדיטשוב", איז מובן אַז דער משל איז בדיוק מתאים צום נמשל.

דאַרף מען לפ"ז פאַרשטיין: די בתי מקדשות איז דאָך ענינם געווען אַ דירת קבע (בית) ניט באופן עראי (ווי ס'איז געווען דער משכן וואָס אויף אים שטייט[16] "ואהי' מתהלך באוהל ובמש־כן"[17]) — איז פאַרוואָס זאָגט ער דע־רויף דעם משל פון אַ לבוש, וואָס מהותו איז כלבוש תחליפם[18] אַ זאַך אויף צו בייטן? און "שמלתך לא בלתה"[19] איז געווען אַ נס און נאָר לזמן מוגבל?

וביותר צ"ע: מען קען דעם זעלבן ענין ממש אַרויסברענגען דורך אַ משל מדויק לבית המקדש — פון אַ "בית".

נאָכמער: דער עיקר מכוון פון משל, איז דאָך (לכאורה) אַז "געבענדיק" דעם ביהמ"ק הא' והב', זאָל מען עס ניט חרוב מאַכן, ער זאָל זיין (אילו זכו[20]) קיים לעד בקיום נצחי[21] — ווי פאַסט אויף דעם דער משל פון אַ "לבוש" וואָס איז אַן

11) לקו"ת במדבר טז, א ואילך: יז, א (הובא בלקו"ת שבהערה הקודמת — לז, סע"א) ובכ"מ — בביאור מחז"ל הנ"ל.

12) וראה בארוכה לקו"ש ח"ט ע' 25 ואילך, שהפעולה דראיית ביהמ"ק הג' בשבת חזון היא נעלית יותר מהפעולה שע"י הב"ק (ומזה שמזלייהו חזו). וראה לקמן בפנים.

13) וראה זח"א סא, ב ובאור החמה שם. ואולי זהו היסוד להמשל דהרב מבארדיטשוב.

14) בגוף כת"י דהרר"ה הנ"ל: ולפרקים ידועים. ובבוך הנ"ל (הערה 3): לפעמים ידועים.

15) ראה לקו"ש ח"א ע' 118. ח"א ע' 259 ואילך. ח"ט ע' 287.

16) ש"ב ז, ו ובפרש"י שם.

17) ובלשון הרמב"ם ריש הל' בית הבחירה גבי משכן המדבר "והי' לפי שעה".

18) תהלים קב, כז.

19) עקב ח, ד.

20) ראה רש"י יחזקאל מג, יא, ובהנסמן לקמן הערה 43.

21) ע"ד ביהמ"ק הג' — זח"ג רכא, א. ח"א כח, ב.

עראײדיקע זאַך, דער היפך פון אַן ענין נצחי[22].

ועכצ״ל, אַז כאָטש אין בית איז דאָ אַ מעלה לגבי לבוש, דערמיט וואָס ער איז אַ דבר קבוע ותמידי, איז אָבער אויך פאַראַן אַ מעלה אין לבוש, וועלכע איז ניטאָ אין בית; און בנדו״ד — בשייכות דער פעולה אויפן בן ער זאָל גיין בדרך הישר, איז נוגע בעיקר דער ענין וואָס דער ביהמ״ק (כולל אויך — ביהמ״ק דלעתיד) איז בדוגמת לבוש, און ניט אַזוי דאָס וואָס ער איז אַ „בית״.

ד. וי״ל דעם ביאור בזה:

איינע פון די עיקר׳דיקע חילוקים צווישן לבוש און בית איז, אַז אַ לבוש איז צוגעפּאַסט לויט דער מאָס פון דעם אדם הלובש: ביי אַ בגד, דאַרף זיין דער אורך ורוחב זיינער, בהתאם מיט מדת ארכו ורחבו של האדם, ניט קירצער און ניט לענגער. און ווי דער דין[23] איז בנוגע בגדי כהונה (וועלכע זיינען „לכבוד[24] ולתפארת״[25]), אַז זיי דאַרפן זיין כפי מדתו של הכהן;

משא״כ בית איז מדתו — ארכו ורחבו — אַ סך גרעסער ווי מדת האדם, ווי מען געפינט להלכה[26] אַז אַ בית איז חייב במזוזה נאָר דאַן ווען ער האָט לכל הפחות די מאָס פון ד׳ אמות על ד׳ אמות — אַ סך מער ווי מדת האדם. מדת האדם איז ווי מען געפינט לגבי דעם שיעור פון אַ מקוה[27]: אמה על אמה ברום ג׳ אמות כמדתו של אדם.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז די שייכות פון אַ לבוש צום אדם המלובש בו איז אַ סך אַ פּרטיות׳דיקע, אַ נעענטערע ווי די שייכות פון אַ בית צו דעם וואָס וואוינט אין אים[28]. און דערפאַר איז דאָ אויך אַן אונטערשייד צווישן לבוש און בית אויף וויפל מ׳קען האַבן פון זיי אַ השערה וועגן דעם אדם שבהם: ווען מ׳קוקט אויף אַ לבוש קען מען פון אים וויסן באַשטימטע פרטים פון דעם מלובש בו, ארכו ורחבו וכיו״ב, וואָרום דער בגד איז לפי מדתו הפרטית של אדם[29] זה דוקא כנ״ל; משא״כ דורך זען אַ בית קען מען נאָר האָבן אַ השערה כללית וועגן דעם איינוואוינער פון דעם בית — צי ס׳איז אַ בית פון אַן עשיר אָדער פון אַן עני וכיו״ב; מען קען אָבער פונעם בית ניט וויסן און דערקענען ענינים פרטיים פון דעם דר בהבית.

ה. עפ״ז איז מובן דער טעם פאַר־וואָס דער משל איז דוקא פון אַ לבוש און ניט פון אַ בית:

די קדושה פון ביהמ״ק באַשטייט ניט נאָר פון איין קדושה כללית — דאָס וואָס ער איז אַ „בית לה׳״[30], נאָר עס זיי־נען פאַראַן חילוקי מדריגות אין די

22) ולהעיר, דנצחיות דביהמ״ק הג׳ שייכת גם לזה שהוא כנגד יעקב שקראו (פסחים פח, א) בית דוקא — ראה לקו״ת מטות פג, ג. ובארוכה לקו״ש חט״ו ע׳ 231; 240 ואילך. ושי״נ.

23) פסחים סה, ב. ושי״נ. רמב״ם הל׳ כלי המקדש פ״ח ה״ד. פרש״י צו ו, ג. ולהעיר מסהמ״צ להצ״צ מצות תגלחת כו׳ בסופה.

24) ועד״ז בנוגע לבושים בכלל — ראה ב״ק צא, ב: קרי למאני מכבדותא.

25) תצוה כח, ב — הובא ברמב״ם שם.

26) סוכה ג, סע״א ואילך. רמב״ם הל׳ מזוזה רפ״ו. טושו״ע יו״ד סרפ״ו סי״ג.

27) עירובין ד, ב. ושי״נ. רמב״ם הל׳ מקואות רפ״ד. טושו״ע יו״ד ר״ס רא.

28) ראה בהחילוק בין לבוש ובית — לקו״ת ברכה צח, סע״ד ואילך. סה״מ תש״ד ס״ע 113 ואילך. ובכ״מ.

29) וישנם לבושים מיוחדים ושונים לכל חלקי הגוף — לבושי הראש לבושי הגוף ולבושי הרגל. ולהעיר משבת (קכ, א) שמונה עשר לבושין. וראה המשך תער״ב ח״א ע׳ רא. ובכ״מ.

30) רמב״ם ריש הל׳ ביהב״ח.





טבעית איז, און ער טוט עבודתו בשלי־מות הן ווען עס פאָדערט זיך די עבודה פון אהבת ה׳ און הן ווען עס מאָנט זיך די (פאַרקערטע) תנועה פון יראת ה׳ —

ווערט במילא די הליכה בדרך הישר „כמו טבע״ און „אינו ירא ממנו פן יחזור לסורו מאחר שנעשה כמו טבעי״[62].

יו״ד. און דערפאַר איז דער באַרדי־טשעווער מדגיש אַז מ׳ווייזט דעם ביהמ״ק ווי ער איז בדוגמת אַ „לבוש״ וואָס איז כמדת המלובש בו, אַז אין אים זעט זיך די שייכות צו דעם אויבערשטן ניט נאָר אינעם אופן פון „בית״ (כנ״ל), אַ שייכות כללית, נאָר ווי ער איז כביכול אַ לבוש צום אויבערשטן; אַז אַלע פרטים שבו זיינען אין סוג פון „בניינא דקוב״ה״,

וואָרום דאָס איז דער נתינת כח[63] אויף דער עבודה וואָס דאַרף אַרויסגע־בראַכט ווערן באַ דעם בן ישראל, באַ יעדן אידן, אַז זיין פאַרבונדנקייט מיטן אויבערשטן זאָל זיין — נוסף אויף דער שייכות כללית, וואָס מ׳גיט זיך איבער בכללות צו דינען דעם אויבערשטן — אַ שייכות פרטית בדוגמת „לבוש״, וואָס זאָל דורכנעמען אַלע זיינע כוחות פרטים: זיין שכל איז — כל מציאותו פאַרשטיין אלקות, „לדעת דעת בור־או״[64]; זיין מדת אהבה איז כל ענינה ומהותה — אהבת ה׳ (ועד״ז בשאר כל המדות). ובמילא איז גאָר ניט שייך באַ אים קיין אַנדער געפיל וואָס איז ח״ו ניט לה׳.

וואָס דעמאָלט ווערט די הליכה בדרך הישר זיין טבע[65].

און דאָס איז ממהר ומזרז דעם גילוי פון דעם ביהמ״ק השלישי וואָס „בנוי ומשוכלל הוא יגלה ויבוא משמים״[66], אַז פון דעם „חזון״ קומט מען צו „ותחזינה עינינו״[67], זען דעם ביהמ״ק בעיני בשר למטה מעשרה טפחים, במהרה בימינו, ובעגלא דידן ממש.

(משיחות שבת חזון תשמ״ב, תשד״מ)

**לקו״ש חכ״ט ע׳ 18**

62) לשון ר״ה מפאריטש (באוה״ת שבהערה 1) מהרב מבארדיטשוב.

63) ראה שער האמונה שם, דבכדי להגיע לראי׳ והכרה חושית בכח הפועל האלקי בנפעל כמו שיהי׳ לע״ל שידע כל פעול כו׳ הוא דוקא ע״י מס״נ האמיתית בהזדככות גדולה מאד בנה״ט בכל כחותי׳ החומריים להפוך כל תאוה חומריית מן הקצה לקצה. ושם גם מה שהה״מ הגיע לזה בסוף ימיו „אחר כל הצומות וסיגופים ועוצם הטהרה והקדושה בעבודה תמה שבמוח ולב כו׳״.

64) ראה רמב״ם סוף הל׳ מלכים.

65) ראה בארוכה לקו״ש חי״ז (ס״ע 93 ואילך. ושי״נ) בפי׳ „וראו כל בשר״, דראיית „כבוד ה׳״ לעת״ל תהי׳ ב„דרך פשיטות״, היינו מצד תכונות וטבע דהבשר. וכמו שעיני בשר רואים עכשיו דברים גשמיים. עיי״ש בארוכה.

וזהו תוכן ענין המבואר בפנים, דהליכה בדרך הישר נעשה אצלו כמו טבע, היינו שזהו טבע מציאותו, דטבע ותכונה דכל כחות פרטיים שלו הוא עבודת ה׳ (משא״כ כאשר רק משעבד וכופה לבו לאהבת ה׳ כנ״ל). וראה לקו״ש ח״ט ע׳ 26.

66) רש״י ותוס׳ סוכה מא, סע״א. ובכ״מ.

67) לשון הצ״צ באוה״ת נ״ך שם (בפנים): ומחזון ותחזינה עינינו. וראה בהערה שם.

„קדושות": קדה"ק, היכל, עזרה וכו'"[31] — ס'איז דאָ אַ קדושה פרטית בכל חלק ומקום פרטי פון דעם ביהמ"ק[32].

— דער בנין ביהמ"ק איז געווען „הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל"[33] — והיינו אַז די חלקי הבית, דער מקום און מדת אורך ורוחב וכו' פון יעדער חלק שבהבית, זיינען געווען מכוון ומדוייק[34] — בהתאם מיט די חילוקים אין דער קדושה צווישן יעדער חלק ומקום פרטי שבו.

און דאָס איז אויך וואָס אויפן פסוק[35] מכון לשבתך פעלת ה' זאָגן רז"ל[36] (און זיינען מדייק בלשונם) „ביהמ"ק שלמטן מכוון כנגד ביהמ"ק שלמעלן", אַז דער „ביהמ"ק" ווי ער איז דאָ „למטה" מיט די אַלע חילוקים אין מקום ומדות (גשמיים) פון יעדער חלק פרטי וואָס ער אַנטהאַלט אין זיך, איז מכוון — מדוייק — „כנגד ביהמ"ק שלמעלן", אַז דאָס אַלץ איז כנגד, בהתאמה מיטן תוכן ומדרגת הקדושה אין יעדער חלק פרטי[37] פון רוחניות'דיקן ביהמ"ק („ביהמ"ק שלמעלן")[38].

און די חילוקי דרגות במקום — זיינען אויך פאַרבונדן מיט חילוקי דרגות שבבנ"י: עזרת נשים, אנשים, מקום וואָס נאָר אַ כהן נכנס וכו'.

און אין דעם באַשטייט דער יתרון מעלה פון „לבוש" (לגבי „בית"), ווייל דאָס וואָס די אַלע חלקי ופרטי המקדש זיינען געווען בהתאמה מדוייקת מיט די חילוקי דרגות הקדושה שבהם (כנ"ל), איז בדוגמא צו אַ לבוש, וואָס איז בכל פרטיו צוגעפּאַסט להתלבש בו[39].

ו. אעפ"י אַז דער ענין (מעלת ה„לבוש" אין ביהמ"ק) איז כמובן געווען כנ"ל בבית ראשון ובבית שני (— אויך במשכן[40]), אולי י"ל חידוש — אַז פונדעסטוועגן, דער עיקר אויפטו און חידוש אינעם משל פון „לבוש" איז בנוגע דעם ביהמ"ק דלעתיד, ביהמ"ק השלישי.

דער ביאור אין דעם: דאָס וואָס דער בית ראשון ובית שני זיינען געווען בדוגמת „לבוש" — אַז יעדער חלק ופרט איז געווען בהתאם מיט דרגת הקדושה שבו ושבבנ"י כנ"ל — איז ניט מפורש בכתובים וכו', גלוי וניכר אין זיי בפרטיות; בגלוי איז געווען ניכר אַז

---

31) ראה רמב"ם שם ה"ה. ועוד.

32) וראה לקו"ש חכ"א ע' 253. וש"נ.

33) דה"א כח, יט ובפרש"י שם.

34) ולכן אסור לשנות בבנין — סוכה נא, סע"ב. חולין פג, ב.

35) בשלח טו, יז.

36) תנחומא משפטים יח. זח"ב נט, ב (רע"מ)*. ועד"ז במכילתא (ופרש"י) בשלח שם (ושם: כסא של מעלה). ובתנחומא ויקהל ז (וכן בפרש"י ויצא כח, יז. משפטים כג, כ) הוא בסגנון הפוך: מקדש של מעלה מכוון כנגד ביהמ"ק של מטה. וראה של"ה שכח, סע"א ואילך.

37) וראה לקמן ע' 73 ואילך, שזהו גם הטעם ש„המקדש כולו לא הי' במישור אלא במעלה ההר" (רמב"ם הל' ביהב"ח פ"ו ה"א), וכל חלק במקדש שהי' קדוש יותר הי' גבוה יותר (גם) בשטח מקומו (כמבואר ברמב"ם שם — ה"א ואילך).

38) וראה בחיי תרומה כה, ט. אלשיך ר"פ תרומה (הובא ונת' באוה"ת שבהערה הבאה — קעט, א־ב). תורת העולה להרמ"א ח"א.

39) ולהעיר גם מהדיעה דהשראת השכינה במקדש היא דוגמת „התלבשות השכל במוח ולב" (ראה בארוכה ביאור הדיעות בזה באוה"ת ויצא קעח, א ואילך. ועוד. וראה לקו"ש חי"ט ע' 141 ואילך. וש"נ).

40) ראה בחיי ואלשיך שבהערה 38.

---

*) ובירושלמי ברכות פ"ד ה"ה: בית קדה"ק שלמטן מכוון כנגד בית קדה"ק של מעלן מכוון לשבתך מכוון כנגד שבתך.





חידוש וואָס וועט זיין בביהמ"ק הג', בדוגמת לבוש כנ"ל, ווייזט מען איצט „לכאו"א" בשבת חזון, ובאופן פון „מראים", כנ"ל.

וואָס איז אַזוי נוגע בעבודת האדם אַז מ'זאָל בשבת חזון זען ווי דער ביהמ"ק הג' איז ווי אַ לבוש (און ניט בלויז ווי אַ „בית")?

[וואָס אויך אין דעם ענין (פון בית) איז דאָ אַ יתרון ומעלה בביהמ"ק הג', וכנ"ל פון זהר, אַז דער טעם וואָס דער ביהמ"ק השלישי איז קבוע וקיים לעולם, איז ווייל ער איז „בניינא דקוב"ה", ניט ווי די ערשטע צוויי בתי מקדשות וועלכע זיינען געווען[58] „בניינא דבר נש דלית בי' קיומא כלל"].

איז דאָס מובן פון דעם תוכן המשל, אַז דער טעם וואָס דער טאַטע באַווייזט זיין קינד דעם לבוש „לפרקים רחוקים ידועים", איז כדי אים מרגיל זיין „לילך בדרך הישר עד שיוודע בו שנעשה אצלו כמו טבע".

בשעת[59] זיין עבודת השם איז מתוך אתכפיא וקבלת עול, איז די הליכה בדרך הישר בא אים ניט „כמו טבע", נאָר אדרבה היפך טבעו: בטבע איז ער אַזוי ווי אַן עבד וואָס „בהפקירא ניחא לי'"[60], נאָר ער איז זיך כופה און איז מקיים רצון ה' היפך טבעו ורצונו.

נאָכמער: אפילו בשעת ער איז עובד ה' אויך במדותיו, ער פועל'ט בא זיך אַן אהבה לה' און מיט דער אהבה דינט ער דעם אויבערשטן, פונדעסטוועגן, אויב אָבער דאָס קומט מצד דער נטי' טבעית פון זיינע מדות — איז אויך דעמאָלט די הליכה בדרך הישר ניט געוואָרן „כמו טבע": וואָרום זיין עבודת ה' איז באַגרענעצט צו דער (איין) נטי' טבעית פון זיין נפש הבהמית.

ולדוגמא: אויב מצד טבעו איז ער נוטה צו קו החסד והאהבה, פועל'ט ער דורך התבוננות אַז אַנשטאָט דער אהבה וחמדה צו עניני עוה"ז זאָל ער שטיין מיט אַן אהבה צום אויבערשטן; ווען עס קומט אָבער[61] צו אַן עבודה וואָס פאָדערט אַ פאַרקערטע תנועה פון זיין נטי' טבעית — אַ תנועה פון יראת ה' — פעלט אין זיין עבודה.

קומט אויס, אַז ניט עבודת ה' איז געוואָרן ביי אים „כמו טבע" — נאָר[61] ער איז פאַרבליבן אין דער טבעיות פון זיין מציאות, אַ נברא („בניינא דבר נש") וואָס איז אַ באַזונדער מציאות כביכול פון ג־טלעכקייט.

בשעת אָבער ער פועל'ט ביי זיך אַז ער גיט זיך איבער אינגאַנצן צו עבודת ה' — ווערט עבודת ה' זיין גאַנצער מהות: זיין אהבת ה', לדוגמא, איז (ניט וואָס ער נוצט אויס זיין נטי' ואהבה טבעית אין קדושה, נאָר זי איז) בכל מהותה אַ קדושה'דיקע מדה, דאָס איז רצון ה'.

און וויבאַלד אַז ער איז געוואָרן אַ מציאות דקדושה (ע"ד „בניינא דקוב"ה") וואָס „עבודת ה'" איז זיין מהות — ווערן אַלע זיינע מדות נהפך צו קדושה, באופן אַז יעדער כח ומדה פרטית שבו איז אינגאַנצן פאַרבונדן מיטן אויבערשטן; ביי אים איז קיין חילוק ניט[61] וואָס זיין נטי'

---

58) בל' הזהר ח"ג שבהערה 21.

59) בכל הבא לקמן ראה (תו"ח שמות עא, ב ואילך. דרך חיים פס"ו ואילך. דרמ"צ פד, א. אוה"ת משפטים ע' א'קכז ואילך) חילוקי מדריגות דעבד כנעני, עבד עברי ואמה עברי'.

60) גיטין יג, א.

61) ראה תו"א יט, סע"א ואילך ודרך חיים פע"ד — בביאור הגמ' ע"ז יח, א.

ס'איז אַ „בית לה'" פאַנאַנדערגעטיילט למקומות כללים וכו'"[41].

אָבער בביהמ"ק השלישי וועט זיך אויפטאָן, אַז אויך לעיני בשר וועט זיין ניכר וגלוי די מעלה מיוחדת וואָס ער איז בדוגמת „לבוש", אַז יעדער פרט פון די מדות וחלקי הבית[42], איז בהתאם צו דער קדושה פרטית שבו[43].

והטעם בזה: עס שטייט אין זהר[43*] אַז דער ביהמ"ק הא' והב' זיינען געווען „בניינא דבר נש"[44], משא"כ דער ביהמ"ק דלעתיד, ביהמ"ק הג', איז „בניינא דקוב"ה"[44].

און דעריבער, אין ביהמ"ק הא' והב', אע"פ אַז אין זיי זיינען אַלע חלקי ופרטי המדות בהתאם מדויק — מיד הוי' — מיט די קדושות פרטיות, וויבאַלד אָבער אַז בנינו ופרטיו זיינען זיך מתייחס צו „בר נש" (כאָטש עס איז מיד הוי'), דערפאַר האָט מען ניט אָנגעזען בגילוי אין די פרטי חלקי ביהמ"ק שלמטה ווי זיי זיינען בהתאם מיט די פרטי חלקי הקדושה פון „בניינא דקוב"ה" כנ"ל;

משא"כ ביים ביהמ"ק דלעתיד, וויבאַלד אַז דער בויען עצמו איז „בניינא דקוב"ה", וועלן דעריבער אויך אין די פרטי המקדש שלמטה זיך אָפּשפּיגלען בגילוי די פרטי (הקדושה פון) ביהמ"ק שלמעלה — ווי יעדער מקום, מדה פרטית וכו' פון גשמיות'דיקן ביהמ"ק עצמו איז בהתאם „ולפי מדת" הקדושה (שלמעלה) שבו.

ז. ס'איז ידוע אַז די השראת השכינה אין וועלט קומט דורכן ביהמ"ק וכמרז"ל[45] אַז פון דעם ביהמ"ק „היתה אורה יוצא לעולם", ובדוגמת מציאות הנשמה במוח ובראש אָדער באיברי וחלקי הגוף[46] — וועט די מעלה מיוחדת הנ"ל פון „לבוש" זיך אויסדריקן בגלוי ניט נאָר אין דעם ביהמ"ק (השלישי) אַליין, נאָר דורכן בית המקדש וועט עס אויך אַראָפּקומען און שטיין בגלוי אין דער גאַנצער בריאה. והביאור בזה ובהקדם:

בנוגע די „עשרה מאמרות (וואָס מיט זיי) נברא העולם"[47], איז ידוע וואָס דער אַלטער רבי איז מבאר בארוכה אין שער היחוד והאמונה[48] (אויפן פסוק[49] „לעולם הוי' דברך גו'") אַז די אותיות פונעם מאמר פרטי פון די עשרה מאמרות, וואָס מיט זיי איז באַשאַפן געוואָרן דער נברא פרטי (וואָס ווערט דערמאָנט אין די עשרה מאמרות), שטייען זיי (די אותיות פון „מאמר") שטענדיק אין דעם נברא פרטי „להחיותו ולקיימו",

[ועד"ז איז אויך בנוגע אַלע אַנדערע נבראים פרטים (שבכל העולמות), אויך אַזעלכע וואָס ווערן ניט דערמאָנט

(41) ופרטי הקדושות (קד"ק, היכל וכו') בהבית — רמב"ם הל' ביהב"ח פ"א ה"ה. ועוד.

(42) וכהדיוק בהפסוקים דיחזקאל (מג, יא ואילך): צורת הבית ותכונתו ומוצאיו ומובאיו . . ואת כל חוקותיו . . הודע אותם גו' — ומפרט בדיוק הצורות והמדות כו'. וראה ס' צורת הבית (לבעל התוי"ט) בהקדמתו.

(43) ואפילו בבית שני, ש„בנוהו . . מעין דברים המפורשים ביחזקאל" (רמב"ם שם פ"א ה"ד) — ה"ה רק „מעין הדברים כו'" ולא בכל פרטיו. וראה הביאור לזה בס' צורת הבית שם. פתיחת התוי"ט למס' מדות. ועוד.

(43*) נסמן בהערה 21.

(44) וי"ל שגם לדעת הרמב"ם (הל' מלכים רפי"א ובסופו) דמשיח בונה מקדש, נק' „בניינא דקוב"ה" לגבי בית ראשון ושני. וראה לקו"ש חי"ח ע' 418 ואילך ובהנסמן שם.

(45) ויק"ר פל"א, ז. וראה מנחות פו, ב ובפרש"י שם. תנחומא תצוה ו. בהעלותך ב.

(46) תניא פנ"א ואילך. ועוד.

(47) אבות רפ"ה.

(48) בתחלתו.

(49) תהלים קיט, פט.





(מפורש) אין די „עשרה מאמרות", אַז יעדער פון זיי ווערט באַשאַפן פון די „אותיות שבעשרה מאמרות שבתורה", נאָר ביי זיי איז עס באופן אַז דער חיות פון די עשרה מאמרות קומט צו זיי אַן דורך „חילופים ותמורות האותיות", בכדי צו באַשאַפן און מחי' זיין אויך אַזעלכע נבראים פרטיים, וועלכע קענען ניט מקבל זיין פון די אותיות שבעשרה מאמרות עצמם[50]].

והיינו, אַז אַלע חילוקים פרטיים פון נבראים אין זייער מהות, תכונה וציור — נעמען זיך דערפון וואָס ס'זיינען דאָ חילוקים אין די פרטי האותיות פון די עשרה מאמרות (וחילופיהן ותמורותיהן), וועלכע זיינען מהוה ומחי' יעדן נברא בצביונו הפרטי[51].

ח. און דאָס וועט זיין דער חידוש לעת"ל, אַז דעמאָלט וועט מען דאָס זען בגילוי — „ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דבר"[52]:

נוסף וואָס לעת"ל וועט אַנטפּלעקט ווערן „כבוד ה'", אַז ס'וועט זיין ניכר ווי יעדער נברא איז באַשאַפן געוואָרן פון דעם אויבערשטן וועלכער איז „ממציא כל נמצא וכל הנמצאים משמים וארץ ומה שביניהם לא נמצאו אלא מאמתת המצאו"[53], וואָס דאָס איז אַן ענין כללי וואָס איז בשווה אין אַלע נבראים נוצרים ונעשים [אַז דער „נמצא", די עצם „פאַראַנענקייט" פון יעדן נברא איז נאָר דורך דעם וואָס דער אויבערשטער איז אים „ממציא"],

נאָר „וראו כל בשר", מ'וועט אויך זען ווי „פי ה' דבר" — ווי יעדער נברא, בתכונתו ומהותו הפרטית, איז אמיתית ענינו — דער „דבר ה'" דיבור פרטי וועלכער איז אין אים מלובש[54].

ועי"ד ווי מ'געפינט אַז צדיקים גדולים „זען" דאָס אויך איצט, ווי עס ברענגט זיך[55] אַז דער מגיד האָט פון אַ כלי דערקענט אַז דער אומן וואָס האָט געמאַכט די כלי איז געווען אַ סומא בעין א', ער האָט געזען אין דער כלי די תכונות פרטיות פון דעם אומן וועלכער האָט עס געמאַכט בגשמיות (און — מיש ליש) ועל אחת כו"כ, און דאָס קומט דערפון וואָס ער האָט אין יעדער נברא געזען דעם כח הפועל בנפעל[56], דעם דבר ה' וועלכער איז דער מהוה פון דעם דבר גשמי[57].

און לעת"ל וועט עס נתגלה ווערן לעיני כל „וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר".

וי"ל אַז דער אויפטו וואָס וועט זיין אין „וראו כל בשר" בנוגע צו דעם „פי ה' דבר" וואָס אין וועלט, קומט דערפון וואָס אין ביהמ"ק וועט אַנטפּלעקט ווערן דער בחי' ה„לבוש" שבו (בנוגע די מדרי' פון ושכנתי, השראת השכינה שבביהמ"ק), ווי יעדער חלק פון דעם גשמיות'דיקן ביהמ"ק איז פאַרבונדן, וכפי מדת — הקדושה המלובש בו.

ט. וי"ל אַז דאָס איז די הסברה אין דעם וואָס דער באַרדיטשעווער איז מדגיש אין משל אַז דער טאַטע ווייזט זיין קינד דעם „לבוש" — אַז אויך דעם

(50) כמבואר בשער היחוה"א שם.

(51) ראה שם פי"א ופי"ב.

(52) ישעי' מ, ה.

(53) רמב"ם ריש הל' יסוה"ת.

(54) ראה שער האמונה פכ"ז. ועוד.

(55) שער האמונה שם בסוף הפרק. ועוד.

(56) ראה גם אמרי בינה שער הק"ש ספל"ד (לט, א).

(57) ראה ס' השיחות תש"ג ע' 155 — דברי הה"מ לפני ההסתלקות. ועד"ז בבית רבי ח"א פכ"ב (מו, א בהערה), דברי אדה"ז לפני הסתלקותו.